# וואס אומפארהייראטע עלטערן דארפן וויסן



## ניו יארק סטעיט פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי

## וואו קען איך באקומען די פארמס?

פארבינדט אייך מיט די ניו יארק סטעיט פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי (New York State Putative Father Registry) אדער באזוכט די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) וועבסייט ביי: https://www.ocfs.ny.gov/search/docs.php צו פארלאנגען אדער צו פרינטן די פאלגענדע פארמס:

**OCFS-2724**, *מעלדונג פון ווילן צו איינגעבן פאַטערשאַפט פאר א קינד וואס איז געבוירן אינדרויסן פון הייראט*

**OCFS-2723**, *מעלדונג פון ווילן צו איינגעבן עלטערנשאפט פאר א קינד וואס איז געבוירן אינדרויסן פון הייראט*

**OCFS-3780**, *דאָקומענט צו דערקענען פאַטערשאַפט פאר א קינד וואס איז געבוירן אינדרויסן פון הייראט*

איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאושעל סערוויסעס.

פארמס **LDSS-5171**, *נאָטיץ וועגן לעגאַלע רעכט און די קאָנסאַקווענזאַס פון סיינינג די עלטערנשאפט פון עלטערן,* איז אוועילעבל ביי די שפיטעלער, סאושעל סערוויסעס אגענטורן, די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון העלט (New York State Department of Health), און די ניו יארק סטעיט אפיס פון טעמפארערי און דיסאביליטי הילף (New York State Office of Temporary and Disability Assistance).

## ווי אזוי קען איך איינגעבן די פארמס ביי די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי?

**שיקט אריין די אויסגעפולטע פארמס צו:**
New York State
Office of Children and Family Services
Putative Father Registry
52 Washington Street, Rm 332 North
Rensselaer, NY 12144



NEW YORK STATE | Office of Children and Family Services

Capital View Office Park
52 Washington Street
Rensselaer, NY 12144

באזוכט אונזער וועבסייט אויף:
**www.ocfs.ny.gov**

צו באריכטן טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג, רופט:
**1-800-342-3720**

פאר אינפארמאציע וועגן די פארלאזטע ניי-געבוירן קינד באשיצונג אקט, רופט:
**1-866-505-SAFE (1-866-505-7233)**

פאר די טעלעפאן נומער פון אייער לאקאלע ערוואקסענע באשיצונג סערוויסעס יוניט, רופט די ערוואקסענע באשיצונג סערוויסעס הילפסליניע ביי די יומען סערוויסעס רוף צענטער:
**1-844-697-3505**

פאר פאסטער קעיר און אדאפשאן אינפארמאציע, רופט:
**1-800-345-KIDS (1-800-345-5437)**

OCFS HEARS פאמיליע ליניע (הילף, שטארקייט,באשיצונג, פארזיכערונג און שטיצע)
**1-888-55HEARS (1-888-554-3277)**
מאנטאג-פרייטאג 8:30 אינדערפרי-4:30 נאכמיטאג

פאר אינפארמאציע אויף סערוויסעס פאר די בלינדע, רופט:
**1-866-871-3000**
**1-866-871-6000**

*"... פארמערן די זיכערהייט, פערמענאנטקייט, און וואוילזיין פון אונזערע קינדער, פאמיליעס, און געמיינדעס. ..."*

נאכפאלגנדיג די אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס אקט, וועט די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס מאכן אוועילעבל די מאטריאל אין א פאסיגע פארמאט לויט פארלאנג.

Pub. 5040-YI (09/2023)

## וואס איז די ניו יארק סטעיט פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי?

אריגינעל, איז די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי געווען א געהיימע רעקארד פון טאטעס פון קינדער וואס זענען געבוירן געווארן אינדרויסן פון די הייראט. אין 2021, איז דאס פארברייטערט געווארן צו אריינעמען אינפארמאציע מעלדונג פון עלטערנשאפט פאר א קינד וואס איז געבוירן אינדרויסן פון הייראט. די רעגיסטרי ענטהאלט די נעמען און אדרעסן פון מענטשן וואס

1. האבן אריינגעגעבן א מעלדונג צו איינגעבן פאטערשאפט אדער עלטערנשאפט פון א קינד,
2. אונטערגעשריבן אן אנערקענונג פון פאטערשאפט אדער עלטערנשאפט פון א קינד, אדער
3. זענען באשטימט געווארן אין געריכט אלס דער פאטער אדער עלטערן פון דעם קינד.

טאטעס אדער עלטערן אויסגערעכנט אויף די רעגיסטרי האבן די רעכט צו באקומען לעגאלע נאטיצן איבער געריכט פראצעדורן וואס נעמט אריין דעם קינד, וואס רעכנט אריין פאסטער קעיר, גארדיענשיפ, קאסטאדי, און אין געוויסע פעלער, די אדאפטירונג פונעם קינד. אין צוגאב, וועט דער קינד זיין בארעכטיגט צו ירש'ענען די פארמעגנס פון די רעגיסטרירטער פאטער אדער עלטערן.

די געריכטן, לאקאלע דעפארטמענטס פון סאושעל סערוויסעס, און וואלונטירנדע אויטאריזירטע אגענטורן אינערהאלב ניו יארק סטעיט נוצן די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי צו זוכן פאר די נעמען און אדרעסן פון טאטעס אדער עלטערן פון קינדער געבוירן אינדרויסן פון די הייראט, צו איינמעלדן פאר די עלטערן פון געריכט פראצעדורן וואס נעמט אריין די קאסטאדי פון די קינד און צו אידענטיפיצירן די עלטערן וואס מען דארף האבן זייער רשות פאר די אדאפטירונג פון די קינד אין פאסטער קעיר.

(די רעזולטאטן פון אן אונטערזיכונג קען נישט ווערן איבערגעגעבן פאר אן אנדערן מענטש אויסער דורך א געריכט באפעל.)

## דארף איך זיך רעגיסטרירן מיט די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי אויב איך האב אונטערגעשריבן דעם קינד'ס געבורטס סערטיפיקעט?

איבערראשענדער איז, אז מיטן אינטערשרייבן אייער נאמען אויף דעם קינד'ס געבורטס סערטיפיקעט מאכט אייך נישט אויטאמאטיש אלס דער לעגאלע פאטער.

אויספילן און איינגעבן די פארמס מיט די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי אדער צו איינגעבן אין געריכט אז דער געריכט זאל באשטימען די פאטערשאפט געבט גענוג צייטליך קען אסאך אויסמאכן אויב די פאטער'ס רשות פאר אדאפטירונג פון די קינד אין פאסטער קעיר ווערט פארלאנגט.

## וואס איז אויב איך בין נישט זיכער אז איך בין דער פאטער?

אויב זענט איר נישט זיכער אויב איר זענט די פאטער, שרייבט נישט אונטער קיין איינע פון פארמס דא אויסגערעכנט. אנשטאט דעם, קענט איר באשליסן צו איינגעבן א געריכט פעטיציע אז דער געריכט זאל באשטימען די פאטערשאפט. ווען דער קעיס ווערט אנקומען אין געריכט, וועט דער געריכט באשטעלן א גענעטישער טעסט צו באשטימען אויב איר זענט די פאטער פון דעם קינד. אויב איר זענט טאקע דער פאטער, וועט איר אוועקשטעלן געוויסע רעכטן פאר דעם קינד און איר וועט מעגליך פארלאנגט ווערן צו אויסהאלטן דעם קינד ביז זיי ווערן 21 יאר אלט.

## ווי אזוי קען איך זיך רעגיסטרירן מיט די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי?

אויב איר גלייבט אז איר זענט דער פאטער אדער עלטערן פון א קינד און איר זענט נישט פארהייראט מיט די מוטער, קענט איר אויספילן די פאלגענדע פארמס:

**בעפאר אדער נאך דעם קינד'ס געבורט:**

**פאטער: OCFS-2724**, *מעלדונג פון ווילן צו איינגעבן פאַטערשאַפט פאר א קינד וואס איז געבוירן אינדרויסן פון הייראט*

**עלטערן, אבער נישט דער פאטער: OCFS-2723**, *מעלדונג פון ווילן צו איינגעבן עלטערנשאפט פאר א קינד וואס איז געבוירן אינדרויסן פון הייראט*

אויף די **OCFS-2724** אדער **OCFS-2723** פארם, וועט איר דארפן צושטעלן:

- אייער נאמען און אדרעס,
- די מאמע'ס נאמען און אדרעס,
- דעם קינד'ס נאמען (אויב איר ווייסט שוין), און
- געבורטס דאטום (אדער געבורטס יאר אויב די דאטום איז אומבאקאנט).

די **OCFS-2724** אדער **OCFS-2723** פארמס מוזן ווערן איינגעגעבן ביי די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי. די פארם מוז נישט זיין נאטעריזירט, און די מאמע איז נישט איינגעמאלדן.

**נאך דעם קינד'ס געבורט:**

א פאטער קען אויספילן **OCFS-3780** *דאָקומענט צו דערקענען פאַטערשאַפט פאר א קינד וואס איז געבוירן אינדרויסן פון הייראט.*

אויף די **OCFS-3780** פארם, וועט איר דארפן צושטעלן:

- אייער נאמען און אדרעס;
- די מאמע'ס נאמען און אדרעס;
- און די קינד'ס נאמען, געבורטס דאטום און געבורטס ארט.

די **OCFS-3780** מוז ווערן נאטעריזירט ביי א נאטערי פאבליק און ווערן איינגעגעבן ביי די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי. די מוטער וועט באקומען אן אפיציעלע בריוו פון די פוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי וואס וועט פעסטשטעלן אז דער פאטער האט איינגעגעבן א פארלאנג צו אנערקענען פאטערשאפט.

א פאטער אדער אן אנדערער עלטערן קענען נוצן **LDSS-5171**, *נאָטיץ וועגן לעגאַלע רעכט און די קאָנסאַקווענסאַז פון סיינינג די עלטערנשאפט פון עלטערן.*

אויב איר פילט אויס די **LDSS-5171** פארם אין שפיטאל אדער ביי א סאושעל סערוויסעס אגענטור גלייך נאכן געבורט, וועט דער פארם ווערן איינגעגעבן ביי די רעגיסטרי פון די קאונטי ווי דאס קינד איז געבוירן געווארן און דארט ווי די געבורטס סערטיפיקעט ווערט גע'פיילט.